**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/30/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט 55 מיליאן דאלאר צו העלפן וואקלדיגע יוגנטליכע אריינגיין אין די ארבעטסקראפט דעם זומער

***זומער יונגווארג באשעפטיגונג פראגראם שטעלט צו דזשאבס און ווערטפולע טרענירונג פאר יונגע מענטשן***

***דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 העכערט פינאנצירונג פאר דעם פראגראם, וואס וועט שטיצן די באשעפטיגונג פון א געשאצטע 20,000 יוגנטליכע פון פאמיליעס מיט נידעריגע איינקונפט דעם זומער***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז מער פון 20,000 יוגנטליכע פון הויזגעזינדער מיט נידעריגע איינקונפט זענען ערווארטעט צו זיין באשעפטיגט אריבער די סטעיט דעם זומער דורך ניו יארק סטעיט'ס זומער יונגווארג באשעפטיגונג פראגראם (Summer Youth Employment Program). די אפיס פון צייטווייליגע און דיסאבילערטי הילף (Office of Temporary and Disability Assistance) טיילט אויס 55 מיליאן דאלאר – א העכערונג פון 7.9 מיליאן דאלאר ארויף פון לעצטע יאר – פאר אלע 57 קאונטיס און ניו יארק סיטי צו העלפן יוגנטליכע, וועלכע וואלטן אנדערש מעגליך נישט געקענט באקומען זומער דזשאבס, צו אריינגיין אין די דזשאב מארקעט, זיך איינהאנדלען פראפעסיאנאלע סקילס און אנדעקטן מעגליכע קאריערעס.

"דער זומער יונגווארג באשעפטיגונג פראגראם העלפט יונגע ניו יארקער טרעפן גוטע זומער דזשאבס וואס וועלן זיי געבן ווערטפולע ערפארונג און סקילס זיי צו העלפן אנגרייטן פאר צוקונפטיגע באשעפטיגונג", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "פאר פילע פון די אנטיילנעמער וועט דאס זייט דאס ערשטע מאל וואס זיי זענען אין די ארבעטסקראפט, און די נייע ערפארונגען וועלן זיי אסאך העלפן אזוי ווי זיי רוקן זיך פאראויס צו זייערע בילדונג און קאריערע ציהלן ווערנדיג ערוואקסן."

דער זומער יונגווארג באשעפטיגונג פראגראם שטיצט קאמיוניטיס אריבער די סטעיט מיטן פארשאפן זומער דזשאבס פאר יונגווארג פון פאמיליעס מיט נידעריגע איינקונפט. די אנטיילנעמער ארבעטן אין דזשאבס וועלכע פאדערן נישט קיין פריערדיגע ערפארונג ביי פלעצער ווי פארקס, זומער קעמפס, פלעי גרופס, קולטורישע צענטערן, חינוך מוסדות און קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס, צווישן אנדערע.

צו זיין בארעכטיגט פאר דעם פראגראם, מוזן די יוגנטליכע זיין צווישן די עלטער פון 14 און 20 יאר און קומען פון א הויזגעזונד מיט א הויזגעזונד איינקונפט אונטער 200 פראצענט פון די פעדעראלע ארימקייט שטאפל, וואס טוישט זיך לויט די צאל נפשות אין די הויזגעזונד — צום ביישפיל $51,640 פאר א פאמיליע פון דריי.

די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 האט אריינגערעכנט א העכערונג פון 7.9 מיליאן דאלאר פאר דעם פראגראם ארויף פון לעצטע יאר זיך צו רעכענען מיט מינימום געהאלט העכערונגען און צו פארמערן די צאל אנטיילנעמער. דער פראגראם האט באדינט מער פון 18,400 יונגע מענטשן לעצטער זומער.

**אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף קאמישאנער, בארבארע סי. גווין, האט געזאגט,** "דורכן אפפערן באדייטפולע באשעפטיגונג פאר יונגע מענטשן פון הויזגעזינדער מיט נידעריגע איינקונפט, טוט דער זומער יונגווארג באשעפטיגונג פראגראם נישט נאר גיבן א געהאלט — נאר אויך א לעבנס-טוישנדע ערפארונג און טרענירונג וואס קענען העלפן אונזערע יוגנטליכע בלייבן אויף א וועג צו הצלחה. יוגנטליכע וועלכע באטייליגן זיך וועלן לערנען אדער ווייטער אנטוויקלען קריטישע סקילס ווי פארלעסליכקייט און די מעגליכקייט צו אויספירן ארבעטס פליכטן, וויאזוי צו ערגרייכן ציהלן דורך צוזאמענארבעט אלס טייל פון א מאנשאפט אין א ביזנעס פלאץ און אזוי אויך פערזענליך פינאנציעלע פארוואלטונג און בודזשעטינג."

**ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט קאמישאנער, ראבערטאָ ריערדאן, האט געזאגט,** "צוטריט צו זומער דזשאבס איז קריטיש פאר יונגע מענטשן, באזונדערס פאר די וואס זענען וואקלדיג, זיי גיבנדיג ווערטפולע ערפארונג וואס וועט זיי בענעפיטירן דורכאויס זייערע לעבנס. א דאנק גאווערנער האקול'ס שטיצע, אפפערט דער פראגראם א געוואדליגע געלעגנהייט פאר יונגע ניו יארקער זיך אויסצולערנען סקילס וואס זיי דארפן צו מצליח זיין און ביישטייערן צו זייערע קאמיוניטיס."

**דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס (Division of Criminal Justice Services) קאמישאנער, ראָוזאנא ראָוסאַדאָו, האט געזאגט,** "זומער באשעפטיגונג קען אפפערן פאר צענערלינגען און יונגע ערוואקסענע ערפארונגען וואס עפענען אויף זייער וועלט צו נייע מעגליכקייטן. די סטעיט'ס זומער יונגווארג באשעפטיגונג פראגראם איז א קריטישע עלעמענט פון גאווערנער האקול'ס ארומנעמיגע פלאן צו פארבעסערן פובליק זיכערהייט. ווען מיר ברייטערן אויס געלעגנהייטן פאר מענטשן, טוהען מיר העלפן פארשטערקערן און היילן קאמיוניטיס."

**אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס (Office of Children and Family Services) קאמישאנער, דעימיע העריס-מעדען, האט געזאגט,** "זומערדיגע יונגעווארג באשעפטיגונג ערפארונגען זענען אומשאצבאר אזוי ווי זיי גרייטן אן יונגע מענטשן צו קענען עווענטועל זיין זעלבסטשטענדיג דורכן באקאנט ווערן מיט די ארבעטספלאץ און אנטוויקלען געזעלשאפטליכע/קאמוניקאציע סקילס. דער זומער יונגווארג באשעפטיגונג פראגראם פארמיידט יוגנטליכע פון שלעכטע אויסנוצן זייער פרייע צייט, עס גיבט אן אלטערנאטיווע אפציע צו אומלעגאלע מיטלען פון מאכן געלט און מאכט באקאנט יונגווארג מיט אינדוסטריע פראפעסיאנאלן. מיר זענען מזל'דיג און דאנקבאר צו האבן א גאווערנער און לעגיסלאטור וואס אנערקענען די קריטישע וויכטיגקייט פון אינוועסטירן אין זומערדיגע באשעפטיגונג געלעגנהייטן פאר יוגנטליכע."

| קאונטי | פינאנצירונג סומע |
|---|---|
| Albany | 757,117$ |
| Allegany | 217,118$ |
| Broome | 632,480$ |
| Cattaraugus | 314,060$ |
| Cayuga | $224,893 |
| Chautauqua | $479,107 |
| Chemung | $252,867 |

| | |
|---|---|
| $170,250 | Chenango |
| $244,683 | Clinton |
| $129,662 | Columbia |
| $164,546 | Cortland |
| $144,070 | Delaware |
| $601,494 | Dutchess |
| $2,526,837 | Erie |
| $91,710 | Essex |
| $184,119 | Franklin |
| $171,867 | Fulton |
| $137,334 | Genesee |
| $134,290 | Greene |
| $13,561 | Hamilton |
| $194,080 | Herkimer |
| $350,717 | Jefferson |
| $95,334 | Lewis |
| $192,155 | Livingston |
| $206,864 | Madison |
| $2,107,618 | Monroe |
| $170,222 | Montgomery |
| $1,761,264 | Nassau |
| $554,402 | Niagara |
| $28,545,251 | NYC |
| $703,618 | Oneida |
| $1,356,411 | Onondaga |
| $248,271 | Ontario |
| $1,041,629 | Orange |
| $133,742 | Orleans |
| $457,852 | Oswego |
| $217,349 | Otsego |
| $105,921 | Putnam |
| $379,114 | Rensselaer |
| $955,097 | Rockland |
| $324,921 | Saratoga |
| $356,458 | Schenectady |
| $95,391 | Schoharie |
| $56,356 | Schuyler |
| $116,660 | Seneca |
| $479,824 | St. Lawrence |
| $302,050 | Steuben |
| $2,249,694 | Suffolk |
| $236,257 | Sullivan |
| $137,738 | Tioga |

| | |
|---|---|
| **Tompkins** | **$430,964** |
| **Ulster** | **$405,718** |
| **Warren** | **$124,616** |
| **Washington** | **$164,838** |
| **Wayne** | **$237,020** |
| **Westchester** | **$1,701,033** |
| **Wyoming** | **$126,207** |
| **Yates** | **$85,279** |
| **סך הכל** | **$55,000,000** |

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן